# חג הפסח

## בס"ד. משיחת י"א ניסן ה'תשד"מ

**רשימה פרטית – בלתי מוגה**

בשעת תורה דערציילט וועגן מתן תורה, זעהט מען ניט אין תורה שבכתב – אפילו ניט אין תורה שבעל פה – דער רגע בדיוק ווען מ'האט אנגעהויבן זאגן "אנכי הוי' אלקיך"[1].

על דרך זה ביי חג האסיף, על דרך זה ביי ראש השנה ויום הכיפורים.

דערנאך קומט אבער אן אויסנאם **דווקא** ביי יציאת מצרים: וואס אין דערויף איז געווען די שני רגעים – שני עניינים: איין זאך איז געווען דער **ביטול** פון גלות מצרים, און דערנאך איז געווען די **יציאה** פון ארץ מצרים. און וואס ביי דיביידע איז אנגעוויזן געווען דער רגע שביום חמשה עשר בניסן ווען דאס איז געווען.

דער גלות וממשלת פרעה ומצרים אויף אידן – איז "עבודה בטלה מאבותינו"[2] נאך כמה חדשים לפני זה, בראש השנה. דער גלות מצרים, סבלות מצרים – ווען איז דאס בטל געווארן? בשעת פרעה האט אנגעהויבן טרייבן אידן פון מצרים. ווען איז דאס געווען? זאגט ער אין פסוק: "ויהי בחצי הלילה"[3].

וואס אט דעמאלט איז בטל געווארן גלות מצרים.

ווען איז געווען די יציאת מצרים, איז ניט סתם ס'איז געווען במשך פון יום פון חמשה עשר בניסן, נאר מ'זאגט "ויהי בעצם היום הזה"[4]. און אין מכילתא[5] איז ער נאך מדייק, "מכיון שהגיע הקץ לא עיכבם אפילו כהרף עין". דאס הייסט ס'איז געווען בדיוק א הרף עין. ווען איז געווען דער הרף עין? איז דאס איז געווען "בעצם היום הזה", "בחצי היום"[6] – **פונקט האלבן טאג**.

וואס דעמאלט איז געווען יציאת מצרים.

---

1) יתרו פרק כ', פסוק ב. ואתחנן פרק ה', פסוק ו'.

2) ראש-השנה דף יא, רע"א.

3) בא פרק יב, פסוק כט.

4) בא פרק מא, פסוק נא.

5) על הפסוק.

6) פרש"י על הפסוק. וראה ירושלמי פסחים פרק י' הלכה ה'



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# חג הפסח

און אין דערויף איז מען מדגיש, אז יעדער רגע איז טייער, און קיין רגע טאר מען ניט דורכלאזן, אפילו אז ס׳קומט בחצי הלילה, וואס דאס איז דער פינסטערסטער רגע פון כל הלילה כולו, ווי מ׳זעהט דאס בעיני בשר. ס׳דא דער "בין הערביים" – תחילת הלילה, און דערנאך איז דא דער "קרוב לעמוד השחר",

איז אין **הרגש האדם** פאר דעם עמוד השחר, מצד דערויף וואס ער קען זיך ניט דערווארטן אויף עלות השחר ווייזט זיך אים אויס אז דאס איז פינסטערער ווי די גאנצע נאכט. **בפשטות** אבער – עיני בשר, בשעת מ׳מעסט אפ די ליכטיקייט און דער פינצטערקייט, איז דער פינסטערסטער רגע אין לילה איז דאס "בחצי הלילה".

קען ער דאך דעמאלט טראכטן, אז ער וועט טאקע פארנעמען זיך מיט הכשר מצוה און גרייטן זיך צו כל ענינים טובים, ער איז דאך אבער ניט מחויב די צייט וואס דאס איז די שווערסטע צייט, און דער פינצטערסטע צייט, און ס׳רעדט זיך אינגאנצן וועגן איין רגע אדער וועגן עטלעכע רגעים, דארף ער זיך דעמאלט שפארן מיטן חשך העולם, און דווקא דעמאלט זאל ער ארויס מבטל זיין די מיצרים וגבולים – גלות מצרים ושעבוד מצרים? איז חג המצות מדגיש, אז ווען איז דער ביטול פון שעבוד מצרים בפעם הראשונה, און דערנאך איז "חייב אדם לראות עצמו כאילו הוא יצא ממצרים"[7] – איז דאס ניט קוקנדיק וואס ס׳טוט זיך אין וועלט פון "החושך יכסה ארץ"[8].

– אפילו אז ס׳ווייזט זיך אויס אז דאס איז א חשך אפילה, ווי ער זאגט אין מצרים, אפילו אויב דאס איז חס ושלום **טאקע** אזוי, איז וויבאלד אז ס׳איז געקומען דער רגע וואס ער קען מבטל זיין גלות מצרים – אפילו אז דאס איז פארבונדן מיט שוועריקייטן, איז וויבאלד אז מ׳האט אים וועגן דערויף מודיע געווען, וואס די ידיעה איז בהשגחה פרטית פון דעם אויבערשטן, איז א זיכערע זאך אז "איני מבקש אלא לפי כוחו"[9] – האט מען אים געגעבן כוחות אז דווקא בחצי הלילה קען ער דורכברעכן דער פינצטערניש פון לילה, עד כדי כך אז דער לילה מיט פרעה מיט די מצריים קומען צו אים צו גיין און שרייען אז ס׳בטל געווארן גלות מצרים און גייט מקבל זיין תורה!

---

7) הגדה-של-פסח פיסקא "בכל דור ודור", ממשנה פסחים דף קטז, ע"ב. רמב"ם הל׳ חמץ ומצה פרק ז׳, הלכה ו׳.

8) ישעי׳ ס, ב.

9) במדבר-רבה פי"ב, ג. תנחומא נשא יא.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# חג הפסח

ועל דרך זה בחצי היום, בשעת ער איז א שלם בתורה ומצוותיה, ביז אין דער תכלית השלימות פון "נר מצוה ותורה אור"[10] – "בעצם היום הזה".

קען ער דאך טראכטן: וואס דארף ער הארעווען? וועט זיין גענוג אז ער וועט איבער'חזר'ן נאכאמאל וואס ער האט געלערנט אינדערפרי? אדער ער וועט טאן מיט די זעלבע התלהבות – די מצווה, ווי ער האט געטאן די התלהבות נעכטן ווען ער האט געטאן די מצווה, ווארום ער שטייט "בעצם היום הזה".

זאגט מען אים: וויבאלד אז דאס איז א נייער טאג, איז אפילו ווען דו האסט עצם היום הזה מצד הטבע, ווארום ביי אים איז דאס געווארן הרגל נעשה טבע – דארפסטו וויסן זיין אז דעמאלט דארפסטו ארויס פון מצרים! אט ווי דו שטייסט אין מצרים "בעצם היום הזה" וואס נאך טעג פאר דערויף איז געווען "לכל בני ישראל היה אור במושבותם"[11]; על אחת כמה וכמה בחמשה עשר בניסן; על אחת כמה וכמה נאך דעם נס פון "ויהי בחצי הלילה", וואס פרעה האט זיי געטריבן "ישלחם מארצו"[12]; און ער שטייט "בעצם היום הזה" איז וואס דארף ער פליען מיט "כנפי נשרים"[13] "מרעמסס סוכותה"[14] – ס'איז גענוג ער וועט זיך גיין פאמעלעך, און בפרט נאך אז ער גייט מיט אלע שישים ריבוא און אויך נשים וטף און אויך "גם ערב רב עלה איתם"[15].

זאגט מען, אז דעמאלט איז ניטא קיין רגע – אפילו "כהרף עין" צו פארזוימען. און ווי אזוי דארף דאס זיין? "ואשא אתכם על כנפי נשרים"[13] פון "בעצם היום הזה" איז געווען דער ארויסגיין פון מצרים אין אן אופן אז ס'איז געווען "על כנפי נשרים"! ווארום ער האט די מעגלעכקייט פון "כנפי נשרים" – טאר ער ניט גיין צו-פוס, ער טאר ניט פארן אפילו על סוסים ופרדים וחמורים וכולהו – ס'דארף זיין "כנפי נשרים" אויב ער קען דאס און האט דאס נאר!

---

10) משלי פרק ו', פסוק כג.

11) בא פרק מא, פסוק כג.

12) ע"ד שמות פרק ו', פסוק א'.

13) יתרו פרק יט, פסוק ד'.

14) בא פרק יב, פסוק לז.

15) בא פרק יב, פסוק לז-לח



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# חג הפסח

און וויבאלד אז מ׳האט אים אנגעזאגט וועגן דערויף, און מ׳האט אים געזאגט אז דאס חזר׳ט זיך איבער – ״בכל יום ויום יהיו בעיניך חדשים״ ״ממש״ – דארף ער טאן בעצם היום הזה די מצווה וואס (ער) ער באדארף איצטער מקיים זיין פון דאס ניי, אז דאס ווערט חדשים אפילו לגבי ״עצם היום הזה״!



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.